# תורת אביגדור

ראה
שנה ב'




משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## א וועלט מיט עסן

### די ציל פון עסן

**אין** פרשת ראה טוט דער אויבערשטער באפעלן פאר די אידישע קינדער, צו ברענגען קרבנות צום בית המקדש, "**ואכלתם שם לפני ה' אלקיכם, ושמחתם בכל משלח ידכם**" (דברים, יב, ז.), איר זאלט עסן דארט פארן באשעפער דיין גאט, און זיך פרייען מיט אייערע זאכן. עס איז א מצוה צו עסן און זיך צו פרייען! דער אויבערשטער זאגט אונז: "איר זאלט עסן און הנאה האבן!" אין די תורה ווערט נישט ספעציעל דערמאנט דעם ענין פון עסן, און דערפאר קענען מיר פארשטיין, אז 'עסן קרבנות אליינס, דאס איז די פרייליכקייט' פון וואס דער אויבערשטער רעדט דא. און ער וויל אז מיר זאלן זיך פרייען, נישט בלויז מיט דעם וואס מיר עסן פלייש, נאר אויך מיט דעם וואס מיר עסן די פלייש 'לפני ה' אלקיך' - אין די אנוועזנהייט פונעם אויבערשטן.

אבער פון די ווערטער לערנען מיר ארויס אז דער אויבערשטער טוט רעכנען דאס 'עסן' אלס א מיטל אנצוקומען זיך צו פרייען מיט אויבערשטן. און אויב די תורה לאזט אונז וויסן, אז אונזער פרייד 'פארן אויבערשטן' זאל זיין דורך די פשוט'ע הנאה פון עסן, דארפן מיר אדורך טון די סוגיא פון 'עסן פארן אויבערשטן'.

### עסן ברענגט פרייליכקייט און שלימות

**אידישע** קינדער קענען צוקומען צו שלימות דורכ'ן עסן אויף די ריכטיגע וועג. מיר ווייסן אז אלע פעלקער פון די וועלט פלעגן אויך ברענגען קרבנות פארן אויבערשטן, זיי מעגן אבער נאר קרבנות וואס זענען אן 'עולה' - קרבנות וואס מען פארברענט אינגאנצן אויפן מזבח און מען עסט גארנישט דערפון. אנדערש ווי די אידישע קינדער, טארן די גוים נישט עסן פון קיין קרבנות. ווייל ווען א גוי עסט, טוט דאס אויפוועקן אין אים אלע זיינע נידריגע בהמה'ישע אינסטינקטן. זיי קענען זיך נישט פרייען פארן אויבערשטן ווען זיי עסן. ווען א גוי עסט און טרינקט, ברענגט דאס אסאך פראבלעמען און צרות. זיי ווערן איבערגעסן און שיכור און הרג'ענען זיך איינער דעם צווייטן. ווען גוים קומען זיך צוזאמען צו עסן, איז דאס נישט קיין עסן פאר אויבערשטן, דערפאר קענען זיי נישט דינען דעם אויבערשטןביים טיש וואו זיי עסן. אבער אונז, דאס הייליגע פאלק, קען זיך אויסלערנען וויאזוי צו עסן מיט א הייליגקייט, און ווערן בעסער און הייליגער דורכ'ן עסן.

### פארוואס איז די וועלט באשאפן געווארן?

**אין** ספר 'אמונות ודעות' ברענגט רבינו סעדיה גאון א באמערקונג איבער די נאטור פון די עולם הזה, אז די וועלט איז באשאפן געווארן פאר עסן! ער זאגט נישט אז דאס איז א וועלט צו צוקומען צו עולם הבא, און אויך נישט א וועלט

ספעציעל פארן עם ישראל, נאר ער זאגט אז דאס איז א וועלט וואס איז באשאפן געווארן ׳אינגאנצן׳ נאר פארן ציל צו געבן עסן פאר די באשעפענישן. דאס איז זייער א וויכטיגע בליק וואס קיינער באטראכט נישט, אבער רב סעדיה גאון באמערקט יא דעם געדאנק, די גאנצע עולם הזה איז געצילט בלויז צו קענען אויספירן די ווערטער פון ׳מכלכל חיים בחסד׳, צו געבן עסן פאר די לעבעדיגע באשעפענישן.

אלעס וואס מיר זעהן ווען מיר קוקן זיך ארום, זענען באשאפן געווארן צו צושטעלן עסן: די ווינטן, די זון, די רעגן, די אטמאספערע, אסאך פון די זאכן האבן בלויז די איינע ציל, צו צושטעלן עסן פאר די לעבעדיגע. די פונקציעס פון די ריזיגע זון, די שטארקע כח פון גרעוויטי, די שניי, און די פארשידענע גראזן, אלע ארבעטן צוזאמען אויסצופירן די מעכטיגע אינטערנעמונג צו צושטעלן דיין פרישטאג, לאנטש, און נאכטמאל, און אויך די נאשערייען אינצווישן.

עפן דיינע אויגן אביסל, וועסטו זעהן די גרויסע טראקס וואס פארן און קומען אהין און צוריק, אנגעלאדנט מיט פרוכט און גרינצייג, אנדערע מיט מילכיגס, אלע סארטן פליישן, ברויטן און געבעקסן. פון פארטאגס, ווען די מענטשן טראכטן נאכנישט פון אויפשטיין, זענען שוין די טראקס אויף די וועגן, און זיי לאדענען אפ די קעסטלעך עסן.

א מענטש קען כסדר זען וואס רב סעדי׳ה גאון זאגט אז די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן פאר עסן. דארף מען דאס פארשטיין, פארוואס איז דאס אזוי? בלויז פאר עסן דארף מען א גאנצע וועלט?

## פותח את ידיך

**די** גמרא זאגט אין מסכת ברכות: ׳ווער עס זאגט יעדן טאג **תהלה לדוד** - וואס דאס איז די קאפיטל פון אשרי - דאן איז מען א **בן עולם הבא**׳. פרעגט די גמרא: ׳מיט וואס איז די קאפיטל מער פון אנדערע קאפיטלעך אין תהלים?׳ פארשטייט זיך אז דאס איז א וואונדערליכע געזאנג, געשריבן מיט רוח הקודש און גאר טיפע קלוגשאפט, אבער וואס מאכט דעם קאפיטל אזוי אייגנארטיג דוד המלך האט דאך געזאגט אסאך הערליכע זאכן?

ענטפערט די גמרא אז דאס איז צוליב דעם פסוק "**פותח את ידך**", דו עפנסט דיין האנט, "**ומשביע לכל חי רצון**", און דו טוסט זעטיגן אלע לעבעדיגע מיט זייערע באדערפענישן. אט די ווערטער מאכט דעם קאפיטל פון אשרי אזוי אייגנארטיג אז ווען מען זאגט דאס יעדן טאג ווערט מען א בן עולם הבא.

מיר דארפן אבער פארשטיין, פארוואס דערמאנט די גמרא דווקא דעם פסוק פון **פותח את ידך**? עס איז דאך דא א פסוק פארדעם וואס זאגט די זעלבע זאך, "**עיני כל אליך ישברו**", די אויגן פון אלע באשעפענישן האפן צו דיר. '**ואתה נותן להם את אכלם בעתו**', און דו געבסט פאר זיי זייער עסן אין די ריכטיגע צייט. וואס איז מיט דעם פסוק?

די תירוץ איז, ווייל די ערשטע פסוק דערמאנט בלויז אז דער אויבערשטער געבט עסן פאר די באשעפענישן, אבער די צווייטע פסוק זאגט עפעס מער פון דעם, **פותח את ידך**, דער אויבערשטער עפנט זיין האנט, דער אויבערשטער האט דאך נישט קיין האנט, נאר ׳דיין האנט׳ מיינט - די גאנצע כח, דער אויבערשטער נוצט די גאנצע כח כביכול צו געבן פאר די באשעפענישן אלע זייערע געברויכן. ער האט נישט קיין אינטערעסע אין קיין שום זאך, בלויז '**כי חפץ חסד הוא**', ווייל ער וויל גוטס טון.

דאס זאגט די גמרא, אויב מען ווייסט דאס מיט אן אמת, דאן איז מען א בן עולם הבא.

## די צדקה ספעציעליסט

**דער** געדאנק קען געגליכן ווערן צו א משל פון אן עושר וואס פירט א גרויסע ביזנעס. אין זייט האט ער אן אפיס וואו ער נעמט אויף משולחים און ארימעלייט וואס קומען פאר א נדבה. ער נעמט יעדן אויף בסבר פנים יפות און געבט זיי א הערליכע סומע געלט. ער איז פארנומען אסאך צייט פון טאג צו געבן צדקה אבער דאס איז נישט זיין עיקר ביזנעס, ער האט א ריזיגע פאבריק וואו ער פארברענגט רוב טאג, דארט זענען זיינע געדאנקען, די צדקה אפיס איז בלויז א קליינע צווייגל פון זיינע אקטיוויטעטן.

ס׳איז דא אן אנדערער עושר וואס עפנט אויף אין מאנהעטן אן אפיס פאר איין ציל, צו געבן צדקה. ער האט א גרויסע געביידע מיט עטליכע שטאקן געבויעט בלויז צו געבן צדקה. עס איז דא דארט ספעציעלע שטיבער און אפיסעס פאר יעדע סארט צדקה פראגראם. דער מענטש איז א ספעציעליסט אין צדקה וחסד. אין דעם בנין פארברענגט ער זיינע טעג, ער לויפט פון איין שטוב צום צווייטן, געבנדיג צדקה שטיצענדיג אלע תורה מוסדות, און ארויסהעלפנדיג אלע נצרכים.

אט דאס איז דער אויבערשטער! אזויווי רב סעדיה גאון זאגט. און דאס מיינט ׳פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון׳, דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט בלויז כדי צו שפייזן די באשעפענישן. אלע כוחות כביכול זענען קאנצענטרירט אין גוטהארציקייט. די גאנצע וועלט איז איין גרויסע צדקה אפיס.

און יעדער באקומט לויט זיין געברויך, ׳ומשביע לכל חי רצון׳. פיש באקומען ווערים אבער מענטשן ווילן דאס נישט עסן באקומען זיי ברויט. קוען האבן נישט ליב קיין פלייש ווילן זיי באקומען גראז, לייבן עסן נישט קיין גראז וועט זיי דער אויבערשטער צושיקן פלייש. די וועלט איז א ספעציעלע רעסטוראנט וואו אלע הונדערטער טויזנטער פארשידענארטיגע קאסטומערס, מיט זייער אייגנארטיגע געשמאק באקומען זייער געברויך.

אין די ערשטע ברכה פון ברכת המזון זאגן מיר נישט ׳ברוך אתה ה׳ הזן את היהודים׳, א דאנק פארן אויבערשטן פארן געבן פאר ׳אונז׳ עסן. נאר מיר לויבן דעם אויבערשטן מיט ׳הזן את הכל׳, דו שפייזט יעדן מיט אלעס! די פייגל אין זייערע נעסטן, די ווערים אין זייערע אונטערערדישע היילן, די קעץ אין זייערע באהעלטענישן. און זיי עסן נישט בלויז איינמאל א יאר, נאר יעדן טאג! ווען דו גייסט אריבער א בעקעריי און דו זעסט דורכן פענסטער אלע סארטן ברויטן און געבעקסן, איז דאס נישט די זעלבע וואס דו האסט געזען נעכטן, דאס איז פרישע. ווען דו גייסט אדורך א פרוכט געשעפט, די עפלער זעען אויס די זעלבע פון פאריגע וואך, אבער ניין, יענע זענען שוין אויפגעגעסן, יעדן טאג קומט אן א פרישע דעליווערי פון עפל, מאראנצן, און אלע אנדערע סארט פרוכטן. יעדן איינציגן טאג שטעלט דער אויבערשטער צו אלע געברויכן פאר יעדן איינעם.

## צו עסן און הנאה האבן!

**מען** דארף זיך פרעגן, וואס איז דער ציל פון דעם, אזא וואונדערליכע עסן סיסטעם אלעס נאר פאר עסן? וואס איז געווען דער ציל פון השי״ת וועלכער האט באשאפן די גאנצע וועלט און ער וואלט נישט געדארפט אויסשטעלן דעם מענטש צו זיין אנגעוויזן אויף עסן. אבער ער האט יא געמאכט אזוי. און ער האט אונז אויסגעשטעלט מיט די מערסטע קאמפליצירטע סיסטעם פון אונז פיטערן. וואס מיינט איר אז דאס איז אלעס אן קיין ציל? און אפילו אויב דער אויבערשטער האט געוואלט אז מיר זאלן לעבן פון עסן וואלט ער געקענט באשאפן די עסן אן קיין טעם, קאליר אדער געשמאק. מיר וואלטן דאס ממילא געגעסן צו באקומען כח.

## חכמה און ידיעות השכל

**דער** ציל פארוואס א מענטש איז געקומען אויף דער וועלט איז צוצוקומען צו די ריכטיגע דעת און וואס מיר טוען דא איז פאר דעם איינעם ציל. **וידעת היום והשבות אל לבבך**, איר זאלט וויסן היינט און איר זאלט כסדר אריינלייגן אין אייער מח. כי השם הוא האלוקים, דער אויבערשטער איז אונזער גאט און מיר דארף'ן דאס וויסן און וויסן און וויסן... דאס מיינט והשבות, אריינלייגן אין אייער מח מער און מער!

ס'איז דא צוויי סארטן דעת וואס א מענטש דארף קונה זיין, איינס איז 'חכמה' וואס דאס איז לערנען פאקטן, דאס ווערט אנגערופן ידיעות השכל. אסאך מענטשן האבן חכמה, זיי וויסן אסאך פאקטן, אבער עס ווערט נישט איינגעזאפט אין זייער מח. לערנען ספרים איז זייער וויכטיגע אבער ס'איז נישט גענוג ס'איז נאר אן אנהייב פון די עבודה. ווען די ידיעה ווערט איינגעקריצט אין די ווען דאס איז ריכטיגע ידיעה וואס רופט זיך 'ידיעות החוש'.

מ'קען געבן א ביישפיל פון א קינד וואס שפילט זיך אין קאך ווען די מאמע האלט אינמיטן קאכן. זיווארנט אים אז ער זאל נישט צוגיין צום פייער ווייל מ'קען זיך אפבריען. ער ווייסט גאנץ גוט אז די מאמע איז אייביג גערעכט, ער גלייבט דאס באמונה שלימה. קליינע קינדער גלייבן אז די מאמע ווייסט אלעס.

מיט דעם אלעס האט ער געלייגט זיין האנט אויפן פייער און געכאפט א ברי! וואס איז געשען דא? דאס קינד האט געלערנט א לעקציע פון ידיעות השכל. ביז יעצט האט ער נאר געוואוסט אז די פייער איז הייס אלץ טרוקענע פאקט, ס'איז געווען א חכמה וואס איז געזיצן אין זיין מח, יעצט איז די ידיעה געווארן איינגעקריצט אין זיין ווען. ס'איז גאנץ א נייע דעת, מ'קען נישט צוגלייכן חכמה צו ידיעות החוש. דער מענטש קומט צו איבערצייגונג. די ידיעות החוש גייט אריין אין זיין גאנצע ווען.

א בחור איז אמאל געקומען שפעט צום סדר, ווען איך האב אים פארגעהאלטן פארן שפעטיגן האט ער געענטפערט אז גייענדיג אין גאס האט ער בייגעוואוינט ווי א מענטש איז געשטארבן פארנט פון זיינע אויגן. ער איז געווען ממש אויס מענטש און נישט געקענט צו זיך קומען פון דעם שרעקליכן סצענע.

"וואס איז די גרויסע זאך?" האב איך נישט פארשטאנען. "האסט נישט געוואוסט אז מענטשן שטארבן?"

"יא, אבער איך האב עס נאך קיינמאל נישט געזען," האט ער געענטפערט.

די ידיעה אז מענטשן שטארבן האט אים יעצט אויפגעשאקלט. ביז דאן איז עס נאר געווען א חכמה אין זיין מח, יעצט האט ער באקומען ידיעות החוש, ער האט דאס אליינס בייגעוואוינט. ער האט זיך אליינס איבערצייגט אז מענטשן שטארבן באמת.

## חסד השם

**איינע** פון די וויכטיגסטע ידיעות וואס מיר דארפן קונה זיין אויף דער וועלט איז אז דער אויבערשטער איז פול מיט חכמה און חסד. וועט איר זאגן: "איך ווייס שוין". איר וועט אפילו איבערזאגן דעם פסוק: "עולם חסד יבנה..." אבער וואס זאגט דוד המלך אויף דעם פסוק? "כי אמרתי עולם חסד יבנה", (תהילים פ"ט, ג.), איך האב געזאגט אז די וועלט איז געבויט מיט חסד. וואס מיינט די הקדמה וואס דוד המלך געבט, "איך האב געזאגט"?

דער ענטפער איז, אז בלויז זאגן איז נישט קיין קונץ, דאס קען יעדער איינער. אבער דאס צו פארשטיין און שפירן דאס איז א חכמה!

ווען דוד המלך האט זיך אראפגעזעצט צו זיין מאלצייט האט ער געגעסן ווי אן עבד השם, **דוד עבדו**. ער האט אריינגעטראכט אין די חסד השם. ער האט געשפירט אין זיינע ביינער די גוטס וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקען. בשעת'ן עסן האט ער געלאזט די ידיעה חושית פון **עולם חסד יבנה** ווערן איינגעזאפט אין זיין מח, ער האט דאס געשפירט אין זיינע חושים. און ווען ער האט געזאגט **אני אמרתי**, האט ער דאס ערנסט געמיינט, אז **עולם חסד יבנה**.

ווען מען עסט איז א געלעגנהייט צו אנערקענען די חסד השם, און פארשטיין וואס בריאת העולם באדייט. אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט צו טון גוט פאר אונז. איר באקומט ידיעות החוש און עס ווערט איינגעקריצט אין אייער מח מיט אן איבערצייגונג.

אין מסכת חולין טרעפן מיר אן אינטערעסאנטע געדאנק פון חז"ל: 'מ'קען נישט איבערצייגן א מענטש אן עסן און טרינקען'. ווען איר ווילט מאכן א גוטן געשעפט מיט א וויכטיגע קליענט וועט איר אים ארויסנעמען צו א רעסטוראנט. פארשטייט זיך אז איר וועט רעדן פון אייערע פרייזן וואס זענען געוואלדיג, אבער איר מוזט האבן די סטעיק וואס זאל אים צוברענגען צו ענדיגן דעם דיל...

## אל תהיו כסוס כפרד

**די** ענדלאזע אויסוואל פון עסן האט דער אויבערשטער אונז צוגעשטעלט, אונז צו איבערצייגן איבער זיין גרויסקייט. דאס איז די סיבה פארוואס די וועלט איז אן "עסן מאשין". דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן זיך דערנענטערן צו אים, אבער מיר שלאפן, אפילו בשעת מיר עסן אונזערע געשמאקע מאלצייטן זענען מיר פארשלאפן. אבער ווען א מענטש איז וואכעדיג צו די חסד השם, קען ער דורכ'ן עסן און טרינקען צוקומען צו דעת און קרבת אלוקים.

אנשטאט אראפצושלינגען די עסן מיט די זעלבע כוונה ווי די קוען צוקייען זייער גראז אין פעלד, זאלט איר ענדערש נוצן מחשבה. "**אל תהיו כסוס כפרד**", זייט נישט ווי א פערד! נוצט מחשבה. אז נישט וועט איר אייביג בלייבן אין די זעלבע פלאץ ווי מיין איטאליענער שכן אויף מיין גאס.

וויפיל מאל טרעפן מיר זיך אפגעגעסן דעם שטיקל עסן בעפאר מיר האבן רעכט באגריפן וואס מיר האבן דא געגעסן. לאזט אייך נישט ווערן צומישט. הייבט יעצט אן צו ארבעטן אויף אייער עבודה. זאגט נישט: "ווען איך וועל האבן צייט וועל איך ארבעטן אויף מיר." א נעכטיגן טאג! די צייט וועט קיינמאל נישט אנקומען. הייבט היינט אן. 'אם לא עכשיו - אימתי', אויב נישט יעצט - ווען דען?! די געלעגנהייט איז אצינד אין אייער קאך.

## בשובו בחן בחסד

**ווען** איר זעצט זיך צום טיש מיט אייער טעלער עסן, די ערשטע זאך זאלט איר באדאנקען אייער בני בית פארן צושטעלן דעם געשמאקן מאלצייט, דערנאך זאלט איר זיך מתבונן זיין אין די חסד השם וואס ליגט אין די עסן. איר זאלט צוקומען צו אהבת השם, פאקטיש זענען דא אסאך אופנים ווי אזוי מ'קען צוקומען צו אהבת השם, אבער עסן איז איינע פון די פונדעמאנטאלע אופנים, דורך ידיעות החוש, ווען אייערע חושים ארבעטן בשעת איר עסט.

מיר האבן געמיינט אז דאס עסן האט אונז דער אויבערשטער געגעבן אונז צו דערהאלטן ביים לעבן, יעצט ווייסן מיר אז די סיבה איז דאס וואס מיר זאגן אין בענטשן: "הזן את העולם כלו בטובו

בחן ובחסד וברחמים״, דאס אלעס האט ער געגעבן צוליב זיין גרויס חסד און רחמים. ער וואלט אונז געקענט שפייזן מיט ווייסע פילן דריי מאל אין טאג, און אזוי אונז דערהאלטן ביים לעבן, אבער דער אויבערשטער מיט זיין גרויס חסד האט אונז געגעבן עסן אין יעדן קאליר, מאס, טעם, אן אויסוואל פון פיש, פלייש, פרוכט גרינצייג, מיט אלע מינים, געווירצן, און שמעקן, כדי אז מיר זאלן הנאה האבן און זיך פרייען מיט השי״ת.

אייער מח זאל ארבעטן. ״איך עס ווייל איך וויל שעצן די גוטס פונעם אויבערשטן. דו ביסט דער וואס האט געמאכט אז דאס עסן זאל האבן אזא גוטע טעם. עסן האט נישט קיין טעם פון בענזין, זאמד אדער פאפיר, עסן האט א געשמאקע טעם. דו האסט צוגעשטעלט אלע סארט טעמים צו באווירצן די עסן, אמאל זאלץ, צוקער, פעפער אדער צוויבל, יעדעס מאל מיט איר אייגנארטיגע געשמאק. און נישט נאר וואס ס׳איז גוט, עסן געבט כח און מח, עס פרישט אויף דעם מענטשנ׳ס קערפער און נשמה״.

אויב איר וועט זיך לערנען צו טראכטן די געדאנקען וועט איר ווערן א נייער מענטש. די עסן וועט אייך געבן כח, איר וועט הנאה האבן פון אייער עסן און איר וועט צוקומען צו אהבת השם. די אלע וואס בויען אויף אין זיך דעם געדאנק פון זיין דאנקבאר פארן אויבערשטן אויף די אלע גוטסקייט וואס געפינט זיך אינעם עסן, הייבן אן צו לעבן. זייער עסן ווערט א בחינה פון **ואכלתם שם לפני השם אלוקיכם**, **ושמחתם**, זיין עסן איז לשם שמים, און זייער טיש איז אזוי ווי א מזבח.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן

אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**

**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**

**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571**

**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

***ליינט די גליון יעדע***
***וואך אין די קונטרס***
***"גליונות לשב"ק",***



# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**מיין מאן האט א געוואלדיגע ליבשאפט צו לערנען אבער איך וויל אז ער זאל נעמען וואקאציע. ער טענה'ט אבער אז זיין בעסטע וואקאציע איז צו קענען זיצן אין לערנען. וואס זאל איך טון?**

## תשובה:

**איר** זאלט אים גלייבן! ווען א מענטש פארשוועדנעט זיין צייט צו עוסק זיין פאר פרנסה טוט אים וויי דאס הארץ אז ער קען נישט לערנען. יעצט אז ער האט וואקאציע לאז אים זיצן אין לערנען. פארוואס דארפט איר רייזן צו די בערג צו ווערן מיד און אויסגעמוטשעט? איר וועט נאר זיין אומבאקוועם דארט. אינדערהיים האט אייער מאן זיין ביהמ"ד, זיינע ספרים און באקוועמליכקייטן. ער וויל זיצן אין לערנען, לאז אים הנאה האבן פון זיין לעבן.

**די** מענטשן וואס רייזן ארום זענען קיינמאל נישט צופרידן. א מענטש ביי אונז אין שול איז געפארן אויף וואקאציע צווישן די בערג און דארט האט ער מחליט געווען אז ער דארף א וואקאציע פון די בערג איז ער געפארן קיין שווייץ. די מענטשן האבן קיינמאל נישט קיין מנוחה, זיי מיינען אז ארומרייזן מיינט מאכן א גוטע לעבן אבער אין אמת'ן ברענגט דאס ארומרייזן נאר אומבאקוועמליכקייט. אשרי יושבי ביתך, אינדערהיים זענט איר מער פרייליך ווי אין סיי וועלכע פלאץ.

**אין** די בערג זענען דא טיקס פון וואס אסאך מענטשן ליידן ליידער פון די מחלות וואס זיי ברענגען אן. אויף די וועגן געשען חלילה עקסידענטס אין די זומער טעג. יעדעס יאר געשעט ליידער טראגעדיעס צו קינדער און ערוואקסענע; זאכן וואס וואלט נישט געשען אין שטאט.

**דערפאר** זאגן מיר אשרי יושבי ביתך, עס איז אייך גוט צו זיין אין שטוב. איך ווייס אז איר וועט זיך נישט צוהערן צו מיינע רייד אבער איך זאג עס ממילא...


### נדבת השבוע

- הכרת הטוב -

למשפחת מרדכי וברכה לעווינגער באצירט אלץ אנשי חסד
ולרפו"ש פראדל בת בילא בתושח"י
הונצח ע"י בעלה יחי'

לע"נ רבי יוסף ב"ר שמואל - יארצייט כ"ו אב, ת.נ.צ.ב.ה.



בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"